ספרי׳ – אוצר החסידים – ליובאוויטש

קובץ
שלשלת האור

היכל שמיני

שער ראשון

# מאמר

# פדה בשלום נפשי — ה׳ש״ת

מכבוד קדושת

## אדמו״ר יוסף יצחק

זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע

## שניאורסאהן

מליובאַוויטש

יוצא לאור בפעם הראשונה

על ידי מערכת
„אוצר החסידים״

770 איסטערן פּאַרקוויי

ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושש לבריאה
שנת המאה ועשרים וחמש לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א
שנת המאה לגאולת כ״ק אדמו״ר (מהוריי״צ) נ״ע

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

# MA'AMOR
# PADAH B'SHALOM NAFSHI — 5700

*Published and Copyrighted by*
**"KEHOT" PUBLICATION SOCIETY**
770 Eastern Parkway, Brooklyn, N.Y. 11213
Tel. (646) 770-3589 • kehotp@gmail.com

*Printed in U.S.A.*
5786 • 2026

ב"ה.

# פתח דבר

**בהמשך להוראת כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א ע"ד הדפסת מאמרי אידיש של כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע משנת ה'ש"ת[1], ולקראת חג הגאולה י"ב־י"ג תמוז הבעל"ט – שהשנה הוא שנת המאה להגאולה –**

**הננו מוציאים לאור –** בפעם הראשונה **– את המאמר ד"ה פדה בשלום נפשי מכ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע, שנכתב באידיש לקראת יו"ד כסלו[2] ה'ש"ת.**

**המאמר נכתב ע"י כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע בגוכתי"ק, ונעתק אח"כ במכונת כתיבה עם כמה שינוים, ובכ"מ הוסיף כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע הגהות.**

**המאמר נדפס כאן מתוך ההעתקה, ובמקומות שנראים שחסר תיבה או אות, הושווה לגוכתי"ק.**

**לתועלת הלומדים והמעיינים, ניתוספו כמה הערות ומראי מקומות הבאים בשולי הגליון ע"י המו"ל.**

## יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

## מערכת „אוצר החסידים"

ימות המשיח,
יום ה' פ' חוקת־בלק יו"ד תמוז, ה'תשפ"ו,
שנת המאה לגאולת כ"ק אדמו"ר (מהוריי"צ) נ"ע
ברוקלין, נ.י.

---

1) ד"ה ותקרא את שמו שת, ד"ה צהר תעשה לתיבה, ד"ה ויאמר גו' לך וד"ה ויהי אחר הדברים נדפסו בקונטרס בפ"ע בשנת תשל"ח, ולאח"ז בסה"מ ה'ש"ת ע' עז ואילך.

ד"ה קטנתי מכל החסדים נדפס בקונטרס בפ"ע בשנת תשפ"ב, וד"ה ויהיו חיי שרה נדפס בקונטרס בפ"ע לקראת כ"ב שבט שנה זו.

2) יום גאולת כ"ק אדמו"ר האמצעי בשנת תקפ"ז (וראה בארוכה „התמים" חוברת ב' ע' עז [פו, א]. שם ע' פא [פח, א] ואילך. מבוא לקונטרס „בד קודש". „בית רבי" ח"ב פרקים ד־ה (נעתקו גם – בקיצור לשון קצת – בהוספה לקונטרס הנ"ל ע' 20 ואילך).

בס"ד, יוד כסלו, ש"ת

**פדה**[1] בשלום נפשי מקרב לי כי ברבים היו עמדי[2]. דוד המלך ע"ה בעט באַ השי"ת ער זאָל אויסלייזען זיין נפש פון די מלחמות וואָס מען האַלט מיט אים, ווײַלע דער רבים איז מיט אים, זאָגט די גמרא[3], כל העוסק בתורה ובגמילות חסדים ומתפלל עם הצבור כאלו פדאני אותי ואת בני מבין האומות. דער וואָס איז זיך עוסק אין תורה און אין גמילות חסדים און דאַוועגט מיט אַ מנין איז גלייך ווי ער וואָלט אויסלייזען מיך מיט מיינע קינדער פון גלות. זאָגט רש"י[4] כל העוסק בדברי שלום, דבתורה כתיב[5] כל נתיבותיה שלום, וגמ"ח עושה שלום בין איש לחבירו, ומתפלל עם הצבור זהו כי ברבים היו עמדי. דער וואָס טוט אין ענינים פון שלום וואָס מיינט תורה, ווייל אויף תורה שטייט אַלע אירע וועגן זיינען שלום, גמילות חסדים איז אויך די מדה פון שלום, ווייל דורך גמילות חסדים מאַכט מען שלום צווישן איין מענטש און דעם צווייטן, און דער וואָס דאַוונט מיט אַ מנין דאָס איז דאָך וואָס עס שטייט כי ברבים היו עמדי, דאָס מיינט מען דעם רבים פון אַ מנין מתפללים, ווי דער מאמר הידוע[6] אכל בי עשרה שכינתא שריא, די שכינה רוט אויף יעדע צען מענטשען[7], וואו עס קומען זיך צוזאַמען צען מענטשען צוליב אַ מצוה זאַך, ווי דאַוונען, לערנען תורה, אָדער אַ שמחה של מצוה ווי שמחת תורה ווען מען פרייט זיך מיט דער תו', אָדער די שמחה פון דער גאולה פון דעם בעל השמחה זכותו יגן עלינו[8], וואָס ער איז אויסגעלייזט געוואָרען פון די יסורי תפיסה פאַרוואָס ער האָט מחזיק געווען די עוסקים בתורה ועבודת ה' אין ארץ ישראל, אָדער שמחת יום טוב ווען מען קומט זיך צוזאַמען און מען שמועסט דברי תורה וואָס בעדייט דער יום טוב, וואָס אַלע, אפילו די וועלכע זיינען געדריקט אין פרנסה, זיינען זיך משתדל אָנצוגרייטן אויף יו"ט, מען שפּאַרט אָפּ פון די וואָכעדיגע הוצאות, און פאַראַן אַזעלכע וואָס הונגערן אין די

1) לכללות המאמר ראה ד"ה זה פר"ת (סה"מ פר"ת ע' קפג ואילך). תרפ"ז (סה"מ תרפ"ז ע' פא ואילך). וראה לקמן הערה 18; 24.

2) תהלים נה, יט.

3) ברכות ח, א.

4) ד"ה פדה בשלום.

5) משלי ג, יז.

6) סנהדרין לט, א.

7) ראה גם אבות פ"ג מ"ו.

8) כ"ק אדמו"ר האמצעי.

וואָכן טעג בכדי זיי זאָלן קענען מאַכן יום טוב, און ווען עס קומט דער יום טוב זיינען זיי זיך משמח מיט דעם שוואַרצן ברויט און גאָר ווייניג עסען זאַכן און זיינען צופרידן און אויפגעלייגט פון שמחת יום טוב, הגם זיי זיינען זייער פאַרנארעוועט פון דער גרויסער יגיעה וואָס זיי האָבן געהאַט פאַר יום טוב און פון דעם ניט דערעסען און ניט דערשלאָפן, דאָך זיינען זיי בשמחה פון שמחת יום טוב, וואָס דאָס איז וואָס עס[9] שטייט[10] טוב פת חרבה ושלוה בה מבית מלא זבחי ריב. עס איז בעסער עסען טרוקענעם ברויט מיט פרידען, ווידער אַ הויז וועלכע איז פול מיט די בעסטע מאכלים אָבער מען קריגט זיך צווישן זיך.

**עס** איז ידוע די מעשה וואָס דער בעש״ט הקדוש נשמתו עדן האָט באַוויזען זיינע תלמידים די ערשטע נאַכט פסח. ביים בעש״ט הקדוש איז געווען איינגעפירט אַז די תלמידים וועלכע זיינען געקומען אויף שבת אָדער אויף יום טוב פלעגען מיט עסען מיט אים די סעודת שבת אָדער יום טוב. צווישן דעם בעש״טס תלמידים (דאַן איז נאָך ניט געווען דער נאָמען חסידים, דעם נאָמען חסידים האָט דער אַלטער רבי נ״ע געגעבען, ביים בעש״ט און דעם הייליגען מגיד פון מעזריטש איז געווען דער נאָמען תלמידים) זיינען געווען גרויסע לומדים און בעלי רוח הקדש, און עס זיינען אויך געווען מענטשען פשוטע וואָס האָבען ניט געקענט לערנען, מערסטענס זיינען דאָס געווען בעלי מלאכות וואָס האָבען געוואוינט אין ישובים און דערפער און האָבען זיך פאַרנומען מיט פאַרשידענע אַרבעטן. צווישען די מערערע תלמידים דעם בעש״טס איז געווען איינער פון בראָד, ר׳ נתן לייוונטהענדלער, זיין מסחר איז געווען מיט לייוונט. דאָס איז געווען אַ איד אַ תלמיד חכם, און יעדן טאָג ווען ער איז געוואָרן פריי פון געשעפט, און בפרט אין די נעכט, פלעגט ער זיצען און לערנען מיט גרויס התמדה, אָבער אין מדות איז ר׳ נתן געווען זייער געוועהנליך. דער עיקר איז ער געלעגען אין לימוד התורה און אין קיום המצות מיט הידורים, אויך אין מדות ווי ע״פ התורה, אָבער מיט זיך אַליין אין עניני עבודה און מדות האָט ער ווייניג געטאָן. דער בעש״ט האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אַז מען בעדאַרף טאָן אין מדות און עבודה, אָבער ר׳ נתן האָט זיך געפירט מיט זיין סדר. יאָרן זיינען אַוועק און באַ ר׳ נתן זיינען אויסגעוואַקסן זין וועלכע ער האָט אויך מדריך געווען אין זיין דרך. ביים בעש״ט איז אויך געווען אַ תלמיד אַ פשוטער איד, אברהם בעלישצעניצער האָט מען אים גערופן. ער האָט געלעבט אינעם

---

9) מכאן עד ע׳ ט נעתק בד״ה אמר ר׳ אלעזר תש״א ס״ג ואילך (סה״מ תש״א ע׳ 102 ואילך), ובד״ה שלום רב בסה״מ אידיש ע׳ 215 ואילך.

10) משלי יז, א.

דאָרף בעלישצעניץ. ער איז געווען זייער פראָסט אין לערנען. ער האָט נאָר געלערנט אין די ספרים וועלכע זיינען געשריבען אין דער אידישער שפראַך און דאָס איז אים אויך ניט גרינג אָנגעקומען צו פאַרשטיין, אויך דעם פירוש המלות פון דאַווענען, חומש אָדער תהלים האָט ער ניט פאַרשטאַנען, נאָר ער איז געווען אַ בעל עבודה. יעדער זאַך פון עבודת השי״ת אין קיום המצות האָט ער געטאָן בשמחה און האָט געאַרבעט מיט זיך אין מדות.

**דער** בעש״ט הקדוש פלעגט זייער מקרב זיין די תלמידים פראָסטע אידן און פלעגט פאַר זיי זאָגען ספּעציעל תורה לויט זייער פאַרשטאַנד. די תלמידים תלמידי חכמים און גדולי התורה, הגם זיי זיינען געווען זייער איבערגעגעבן צום בעש״ט מיט לייב און לעבן און האָבן ח״ו גאָר ניט איבער געטראַכט וואָס דער בעש״ט טוט, דאָך האָט זיי פאַרדראָסן פאַרוואָס דער בעש״ט איז אַזוי שטאַרק מקרב די פשוטע אידן און זאָגט נאָך פאַר זיי תורה. נאָר פונדעסטוועגן פלעגן זיי חזרן אויך די תורה וואָס דער בעש״ט פלעגט זאָגן פאַר די פשוטע אידן און פלעגן זיך טיף אַריינטראַכטען אין דעם. איינמאָל אויף אַ שבת האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפען ביים בעש״ט ר׳ נתן און ר׳ אברהם. דער בעש״ט האָט יעמאָלט געזאָגט תו׳ אויף דעם פסוק[11] ובפרשכם כפיכם אעלים עיני מכם גם כי תרבו תפלה אינני שומע ידיכם דמים מלאו. דער בעש״ט האָט מבאר געווען אַז הגם די עבודה עיקרית אין עבודת הוי׳ איז טאַקע עבודת המוח און עבודת הלב, וואָס דאָס מיינט עבודה אין לימוד התורה און עבודה אין תפלה, וואָס דורך די צוויי עבודות איז שוין במילא די עבודה אין מדות און עניני עולם ווי עס בעדאַרף צו זיין, דאָך קען אָבער זיין אַז ידיכם דמים מלאו. אַז אפילו ווען מען גיט דעם אָרימאַן אַ נדבה ביד רחבה אָבער עס פעלט דער הרגש במצב זולתו איז דאָס שפיכת דמים, און דאָס איז ובפרשכם כפיכם ווען ער שפּרייט פאַרנאַנדער אייערע הענט און גיט צדקה ביד רחבה וואָס דאָס איז די עבודה פון עבודת הלב, דאָך איז אעלים עיני מכם, טו איך[12] דאָס ניט זען, ווייל ניט דאָס איז עבודה אמיתית. אמיתית העבודה איז ווען מען איז מרגיש דעם זולת. גם כי תרבו תפלה וואָס מיינט עבודת המוח איז דאָך אויך ניט קיין עבודה, ווייל ווען מען דערהערט ניט דעם זולת מיט אַ הרגש אמיתי איז דאָס שפיכות דמים וואָס דאָס איז דער טייטש ידיכם דמים מלאו, אייערע מדות, אפילו די מדות טובות איז דמים מלאו. ביידע

11) ישעי׳ א, טו. הועתק בכתר שם טוב (הוצאת קה״ת) הוספות ס׳ לו.

12) טו איך: כ״ה בכתי״ק ובהעתקה. בסה״מ תש״א ובסה״מ אידיש (שבהערה 9): וועל איך.

ר׳ נתן און ר׳ אברהם האָבן געהערט די דאָזיקע תורה. ר׳ נתן וועלכער איז געווען אַ תלמיד חכם האָט די תורה פאַרשטאַנען אויף זיין אופן און האָט זיך טיף פאַרטראַכט אין די צוויי אופנים[13] עבודה, עבודת המוח און עבודת הלב וואָס דאָס זיינען די עבודה פון לימוד התורה און די עבודה פון תפלה. ר׳ אברהם וועלכער האָט פאַרשטאנען די עטלעכע ווערטער פון דעם בעש״טס תורה בהנוגע בפועל ממש נאָך זיין פאַרשטאַנד נאָך, איז באַ אים געבליבן אַ החלטה אַז ער בעדאַרף טאָן מיט זיך אין עבודה פון בירור וזיכוך המדות נאָך מער וויפל ער האָט געטאָן ביז יעצט. די ווערטער ידיכם דמים מלאו, אַז ווען מען דערהערט ניט באמת דעם צער הזולת, איז אפילו ווען מען העלפט דעם זולת ביד רחבה איז דאָס שפיכות דמים, האָבן ר׳ אברהמ׳ן קיין רו ניט געגעבן, און אומקערענדיג צו זיך אין דאָרף האָט ער אָנגעהויבן מער צו אַרבעטען מיט זיך און מזמן לזמן האָט ער אַלץ מער געשטיגען אין זיין עבודה.

**פסח** צום סדר ווען דער בעש״ט איז געזעסן מיט זיינע תלמידים ביים סדר טיש, איז דער בעש״ט געווען זייער אויפגעלייגט און האָט געשמועסט וועגן דעם גרויסן נחת־רוח למעלה פון דער עבודה פון אנשים פשוטים לגבי די עבודה פון בעלי תורה ועבודה. און האָט געהייסן די תלמידים זיי זאָלן צומאַכן די אויגען און יעדער זאָל אַרויפלייגען די האַנד אויף דעם אַקסעל פון דעם וואָס זיצט לעבען אים, און דער בעש״ט אַליין האָט אַרויף געלעגט זיינע הענט אויף די אַקסלען פון די צוויי תלמידים וועלכע זיינען געזעסען פון זיינע צוויי זייטען און האָט גענומען זינגען אַ ניגון. האָבן די תלמידים געזעהען ווי ר׳ אברהם בעלישצעניצער זיצט מיט זיין ווייב און קינדער ביי זיך אין דאָרף ביים סדר טיש אין אַ קליין חדר׳ל, אויפן טיש שטייען אַ פּאָר ליימענע כלים און עס ברענט אַ ביסל בוימל, און ר׳ אברהם מיט די בני בית זיצען יום טוב׳דיג בשמחה רבה און פּראַווען דעם סדר. אויך האָבן זיי געזעהען ר׳ נתן לייוונטהענדלער זיצט מיט זיינע בני בית באַ זיך אין הויז אין בראָד אין אַ ליכטיקן גרויסן חדר באַ אַ טיש געגרייט מיט כל טוב אָבער אַלע זיינען אָנגעבלאָזענע און ברוגעזע און אונצופרידן איינער מיט צווייטן. ווען דער בעש״ט הקדוש האָט אַראָפּגענומען ידיו הקדושים און אויפגעהערט זינגען האָט ער געהייסן די תלמידים עפענען די אויגן, און האָט געזאָגט אַז דאָס איז דער חילוק צווישן דעם וואָס טוט מיט זיך, איז הגם ער איז אַ איש פשוט אָבער ווען ער טוט מיט זיך זעט ער אין יעדער זאַך און אין יעדער תנועה די מעלה און דעם יתרון פון דעם צווייטן און במילא איז ער אין אַלע זמנים צופרידן און אויפגעלייגט,

13) אופנים: כ״ה בהעתקה, סה״מ תש״א ובסה״מ אידיש (שבהערה 9). ובכתי״ק: אופני.

און אפילו ווען עס איז ניטאָ קיין שפּייז פאַר די קינדער אפילו אויף יום טוב איז ער שמח בשמחת יום טוב, און דאָס איז טוב פת חרבה ושלוה בה און דעם וואָס עבודתו איז במוח ולב הגם דאָס איז אַ גרויסע עבודה אָבער ווען עס פעלען די שלמות פון מדות טובות בפועל איז אַ בית מלא זבחי ריב, אָבער ווען עס קומען זיך צונויף אויף אַ שמחה של מצוה אַ ברית מילה, מזל טוב תנאים ונשואין וכדומה און יעדער איז שמח בשמחת חבירו איז אכל בי עשרה שכינתא שריא[6]. וואָס דאָס איז כי ברבים היו עמדי. אַז דורך די דריי זאַכן תורה עבודה און גמילות חסדים דורך דעם ווערט די פדי׳ בשלום, די אויסלייזונג. בעדאַרף מען פאַרשטיין וואָס איז דער ענין פון פדי׳ בכלל און וואָס איז דער מיין פון אַ פדי׳ בשלום. דער רשב״א ז״ל זאָגט[14] אַז די דריי זאַכן תורה עבודה וגמילות חסדים זיינען די דריי כחות הנפש מחשבה דבור ומעשה, וואָרום די דערנעהענטערונג פון אַ איש ישראל צו געטליכקייט און די ערנהעטערטנג און ערשיינוג פון געטליכקייט אין אַ איש ישראל איז דורך די דריי כחות מחשבה דבור און מעשה. תורה איז דבור ווי עס שטייט[15] ודברת בם, לימוד התורה בעדאַרף זיין אין דבור[16], גמילות חסדים איז מעשה וואָס צדקה איז דאָך במעשה, און תפלה איז מחשבה, וואָס אין תפלה איז אַ עיקר גדול די כוונה, וואָס כוונה איז אין מחשבה, דערום ווערט תפלה אָנגערופן עבודה שבלב[17], און דאָס איז פדה בשלום כו׳ אַז דורך דער עבודה אין די דריי כחות מחשבה דבור און מעשה איז אַ פדי׳ בשלום.

**פאַרשטיין** דעם ענין וואָס הייסט אַ פדי׳ בשלום. עס[18] שטייט[19] ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, זיי זאָלן מאַכן פאַר מיר אַ מקדש וועל איך רוהען צווישן זיי. וואָס אין בית המקדש איז געוועזן דער גילוי פון אור אין סוף. אין מדרש[20] אויפן פסוק[21] באתי לגני שטייט אַז עיקר שכינה איז געוועזן למטה, נאָר איבער די שלעכטע מעשים פון די דורות ביז אברהם׳ן האָט זיך די שכינה אָפּגעטאָן פון דער וועלט, און דורך די

14) הובא באוה״ת (יהל אור) לתהלים ע׳ רה.

15) ואתחנן ו, ז.

16) ראה שו״ע יו״ד סי׳ רמו סכ״א. הל׳ ת״ת להרמב״ם פ״ג הי״ב. לאדה״ז פ״ב הי״ב.

17) תענית ב, א.

18) בהבא לקמן — ראה (נוסף להמצוין בהערה 1) סה״מ תרמ״ג ע׳ פז ואילך. וראה גם ד״ה הנ״ל תשי״ג (סה״מ יו״ד־י״ט כסלו ע׳ צו ואילך). ד״ה קטנתי, ד״ה פדה בשלום וד״ה רני ושמחי תש״ל (סה״מ שם ע׳ רפא ואילך; ע׳ רפט ואילך; סה״מ חנוכה ע׳ קג ואילך).

19) תרומה כה, ח.

20) שה״ר פ״ה, א.

21) שה״ש ה, א.

מעשים טובים פון די אבות און שבטים האָט זיך די שכינה צוריק אומגעקערט אויף דער וועלט. און אין בית המקדש איז געווען גילוי אור אין סוף. וואָס דאָס איז וואָס שלמה האָט געזאָגט[22] הן השמים ושמי השמים לא יכלכלוך אף כי הבית הזה. דער הימל און אַלע הימלען קענען השי״ת ניט אויפהאַלטן און מכל שכן די הויז, דאָס מיינט ער דעם בית המקדש. אָבער באמת איז אין בית המקדש געווען דער גילוי אור אין סוף. בעדאַרף מען פאַרשטיין ווי איז דאָס אַז אור אין סוף זאָל קענען רוהען אין אַ מקום גשמי, שמים און בפרט שמי השמים זיינען מקומות רוחנים. אין קבלה ספרים שטייט[23] אַז שמים מיינט מען עולם האצילות, און שמי השמים מיינט מען עולמות אין סוף וואָס העכער פון אצילות וואָס דאָס זיינען אַלץ מקומות רוחנים און פונדעסטוועגן איז לא יכלכלוך, און דער בית המקדש וועלכער איז אין עולם הזה אין אַ בית גשמי איז געווען השראת אור אין סוף. פאַראַן[24] אַזעלכע וואָס זאָגן[25] אַז דער גילוי אור אין סוף וואָס איז געווען אין בית המקדש איז מער ניט געווען ווי אַ הארה, און דער בית המקדש איז ניט געווען קיין כלי צום אור אין סוף נאָר מער ניט ווי אַ מקום מוכשר צום גילוי אור אין סוף. דער אונטערשייד פון אַ כלי צו אַ מקום מוכשר קען דער מענטש פאַרשטיין פון זיך. דער מוח אין קאָפּ איז אַ כלי צום שכל אַז דער מוח פאַרנעמט דעם שכל. אָבער ווען מען שרייבט אַ שכל שרייבט מען דאָך מיט דער האַנט, איז הגם די האַנט וואָס שרייבט איז דאָך דער גורם אַז דער שכל זאָל אַרויס געגעבן ווערן אין ווערטער דורך וועלכע דער שכל ווערט באַוואוסט, דאָך איז די האַנט וועלכע שרייבט דעם שכל ניט קיין כלי צום שכל אַזוי ווי דער מוח איז אַ כלי צום שכל. עס איז מער ניט וואָס די האַנט איז אַ מקום מוכשר אַז דער שכל ווערט דורך דעם באַוואוסט. דער רגל איז ניט קיין מקום מוכשר צו שכל און די האַנט איז יאָ אַ מקום מוכשר צו שכל, אָבער עס איז מער ניט ווי אַ מקום מוכשר, נאָר עס איז ניט גלייך צו דעם ווי דער מוח איז אַ כלי צו שכל, איז ער דאָך משיג דעם שכל, אָבער די האַנט איז ניט משיג דעם שכל, ווייל עס איז מער ניט ווי אַ מקום מוכשר. און די זעלבע איז אויך ביים בית המקדש וואָס עס איז געווען מער ניט ווי אַ מקום מוכשר צום השראת אור אין סוף. נמצא איז לויט דער דיעה איז דער ענין פון השראת אור אין סוף

22) מלכים־א ח, כז.

23) ראה סידור עם דא״ח סה, ב. אוה״ת נ״ך ח״ב ע׳ א׳ו. ח״ג ע׳ א׳שלב.

24) בהבא לקמן — ראה (נוסף להמצוין בהערה 18) אוה״ת ויצא קעה, א ואילך. ביאוה״ז להצ״צ ח״א ע׳ קג ואילך. סה״מ תר״ל ע׳ סג ואילך. לקו״ש חי״ט ע׳ 141.

25) הרמב״ם — כפי מה שביאר דבריו חכם א׳ — הובא בעבודת הקודש חלק (ג) התכלית פנ״ה. וראה מו״נ ח״א פכ״ה. הנסמן באוה״ת, ביאוה״ז וסה״מ תר״ל שבהערה הקודמת.

אין בית המקדש אין צווי ענינים. ערשטענס איז דער אור אין סוף אין בית המקדש ניט געווען עצמות נאָר אַ הארה, און צווייטנס איז דער בית המקדש ניט געווען קיין כלי צו דער גילוי הארה פון אור אין סוף נאָר אַ מקום מוכשר צו דער השראת ההארה פון דעם אור אין סוף.

אָבער באמת איז דער ענין ניט אַזוי. דער גילוי אין בית המקדש איז געווען ניט אַ הארה פונעם אור אין סוף נאָר אַ גילוי פון עצמות אור אין סוף. און דער בית המקדש איז געווען ניט אַ מקום מוכשר צום אור אין סוף נאָר טאַקע אַ כלי ממש צום עצמות אין סוף. אין בית המקדש איז געווען דער קדש הקדשים, וועלכער איז געווען צוואַנציג איילין ברייט און צען איילן לענג. אין קדש הקדשים איז געווען דער ארון וועלכער איז געווען צוויי און אַ האַלב איילין לענג אַנדערהאַלבן איילין ברייט און אַנדערהאַלבן הויך[26]. די ווינקלען אין דער ברייט פון ארון האָבן געהאַט פיר גאָלדענע רינגען, צו צוויי פון יעדער זייט[27]. אין די רינגען האָט מען אַריינגעזעצט צוויי שטאַנגען בעדעקט מיט גאָלד[28], און די שטאַנגען האָבן שטענדיג ג[ע]מוזט זיין אויף זייער פלאַץ אין ארון[29], הגם די שטאַנגען זיינען געווען אויף צו טראָגן דעם ארון פון אָרט צו אָרט[30], דאָך האָבן זיי שטענדיג געמוזט זיין אין ארון. דער ארון איז געשטאַנען מיט זיין לענג אין דערלענג פון קדש הקדשים, במילא זיינען די שטאַנגען אויסגעקומען אין דער ברייט פון קדש הקדשים, און ווען דער כהן גדול פלעגט יום כפור אַריין טראָגן אין קדש הקדשי׳ די קטרת, פלעגט ער אַוועקשטעלן די מחתה מיט די קוילן צווישן די צוויי שטאַנגען[31], דאָס הייסט אין דער לענג פון ארון. דער טעם פון דעם איז ווייל השי״ת האָט געזאָגט משה רבינו[32] אַז ער וועט מיט אים ריידען פון צווישן די כרובים, וואָס דאָס איז אויך דער אָרט צווישן די צוויי בדי הארון. דער מדרש זאָגט[33] אַז איינמאָל האָט אַ אפיקורוס געפרעגט רבי מאיר׳ן, עס שטייט דאָך אויף השי״ת[34] את השמים ואת הארץ אני מלא, היינט ווי שיקט זיך עס ער זאָל קענען ריידען מיט משה רבינו פון צווישן די צוויי בדי הארון וועלכער איז מער ניט געווען די גרויס ווי

---

26) תרומה כה, י.
27) שם, יב.
28) שם, יג.
29) שם, טו. ראה גם רמב״ם הל׳ כלי המקדש פ״ב הי״ג.
30) ראה תרומה שם, יד.
31) ראה אחרי טז, יג. יומא פ״ה מ״א.
32) ראה תרומה כה, כב. נשא ז, פט.
33) ב״ר פ״ד, ד.
34) ירמי׳ כג, כד.

צוויי מיט אַ האַלבן אייל. האָט אים ר׳ מאיר געהייסן ברייינגען אַ קליין שפּיגעלע, ווען ער האָט אים געבראַכט האָט ער אים געהייסען איינקוקן זיך אין דער שפּיגעלע האָט ער זיך געזעהען אין אַ קליינער פאָרם, דאַן האָט ער אים געהייסען ברייינגען אַ גרויסע שפּיגעל און קוקען אויף זיך האָט ער זיך געזעהען אין אַ גרויסער פאָרם. זאָגט אים ר׳ מאיר בעקלער זיך מיט פערשטאַנד, אַ מענטש וועלכער איז מער ניט ווי בשר ודם, וואָס היינט לעבט ער און אין אַ שעה אַרום קען ער שוין ניט זיין, און בשעת ער איז פאַראַן איז ער אויך גאָרנישט דאָך ווען ער וויל זעט ער אויס אין אַ קליינער פאָרם און ווען ער וויל זעט ער אויס אין אַ גרויסער פאָרם, היינט השי״ת וועלכער האָט בעשאַפן הימל און ערד איז ווען ער האָט געוואָלט האָט גערעט מיט משה רבינו פון צווישן די בדי הארון, הגם ער איז פול הימל און ערד, דאָס הייסט אַז אין בית המקדש האָט מאיר געווען דער גילוי פון עצמות אור אין סוף, און הגם עס איז געווען דער גילוי פון עצמות אור אין סוף אין בית המקדש איז דער בית המקדש געווען אַ בנין גשמי.

אָבער באמת דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז דאָס אַז דער מקום הגשמי פון דעם בית המקדש וואָס באמת זיינען די אַלע דברים הגשמים[35] וויא גאָלד זילבער קופּער און האָלץ, מעל בוימל און וויין, געווען גשמים ווי אַלע גשמים, איז ווי איז דאָס געשיקט אַז דער בנין הגשמי און כלים הגשמי׳ פון בית המקדש זאָלן קענען פאַרנעמען דעם גילוי עצמות אור אין סוף, וואָס השמים — עולם האצילות — און שמי השמים — וואָס איז נאָך העכער פאַר עולם האצילות — לא יכלכלוך קענען ניט פאַרנעמען. נאָר דער ענין איז, אין בית המקדש איז געווען אַ צוזאַמענשטעל פון צוויי הפכים מקום ובלי מקום, אָרט און ניט אָרט. אַלע זאַכן פון בית המקדש, הן דער בנין און הן די כלים אויך די קרבנות זיינען אַלץ געווען מיט אַ מדויק־דיקער מאָס און וואָג, און אין מדויק־דיקע ערטער. דער אָרט וואָס האָט געהערט צום בית המקדש הייסט הר הבית, איז דער אָרט געווען מיט אַ מדויק־דיקער מאָס פינף הונדער איילין אויף פינף הונדערט[36]. דער בנין איז געווען די לענג הונדערט זיבן און אַכציג איילין פון מזרח ביז מערב און די ברייט הונדערט פינף און דרייסיג איילין פון צפון ביז דרום[37], וואָס אין דער מאָס איז געווען איינגעשטעלט עזרת ישראל, עזרת כהנים, דער

35) י״ג דברים — ראה תנחומא תרומה ה. שהש״ר פ״ד, יג. זהר ח״ב קמח, א. פרש״י ודעת זקנים מבעלי התוס׳ ר״פ תרומה. ט״ו דברים — ראה בחיי תרומה כה, ז. כלי יקר שם, ג.

36) ראה מדות פ״ב מ״א.

37) שם פ״ה מ״א.

היכל און קדש הקדשים, און די איבעריגע זאַכן וואָס זיינען געווען אין בית המקדש ווי דער מזבח און די פערשידענע תאים, אויך די כלים וואָס זיינען געווען אין בית המקדש הן די גרויסע כלים ווי דער ארון דער שלחן און די מנורה און מזבח הזהב, און הן די קליינע כלים וועלכע מען האָט בעדאַרפט האָבן צו די קרבנות און נסכים זיינען אַלע געווען מיט אַ געוויסער מדויק־דיקער מאָס. אויך יעדער קרבן האָט בעדאַרפט זיין געשאָכטן אויף זיין בעשטימטן פלאַץ[38], אוןווערן צוגעריכט מיט אַ געוויסער צאָל כלים אויף וועלכע מען האָט געדאַרפט דערלאַנגען דעם קרבן. וואָס אַלץ איז געווען מיט אַ דיוק. דאָס איז די מדה וגבול וואָס איז געווען אין בית המקדש אַז אויב איינע פון די זאַכן איז געווען ניט אין דער בעשטימטער מאָס און וואָג איז דער קרבן פסול געוואָרן. אין קרבנות זיינען פאַראַן פערשידענע, עולה, חטאת, שלמים וכו׳ וואָס יעדער מין קרבן האָט געהאַט זיין בעשטימטן אָרט וואו מען האָט אים בעדאַרפט שעכטן און בעשטימטע כלים אויף צו מקריב זיין אים. בשעתן מקריב זיין דעם קרבן האָט דער כהן וועלכער האָט מקריב געווען בעדאַרפט טראַכטן אַז ער איז מקריב דעמס און דעמס אַ קרבן, אַ עולה אָדער אַ חטאת, און אויב ער האָט ניט געטראַכט וואָס ער האָט בעדאַרפט טראַכטן איז דער קרבן פסול[39], וואָס פון דעם אַלעמען זעהט מען אַז אין בית המקדש איז אַלץ געווען מיט אַ מאָס און וואָג אין מקום. צוריק זעהן מיר אַז אין בית המקדש איז געווען בלי מקום. ווען די אידן האָבן עולה לרגל געווען אין ירושלים אין בית המקדש באַ דער עבודה ווען זיי האָבן געהערט דערמאָנען גאָט ב״ה נאָמען זיינען אַלע געפאַלען כורעים, און עזרת ישראל איז געווען אינגאַנצן הונדערט פינף און דרייסיג איילין די לענג אויף עלף איילין ברייט[40], און ווען עס איז געקומען צו כורעים איז געווען אָרט פאַר אַלעמען[41], ווייל דער מקום פון בית המקדש איז בלי מקום.

**דער** ארון איז געווען צוויי מיט אַ האַלב אייל די לענג. און איז געשטאַנען אין קדש הקדשים וואָס איז געווען די לענג צוואַנציג איילן, האָט געדאַרפט בלייבן פרייער פלאַץ פון יעדר זייט ארון אַכט מיט דריי פערטל אייל, און באמת איז געווען צען איילין פון יעדער זייט[42], ווייל דער אָרט פון בית המקדש איז געווען התחברות פון מקום און בלי מקום, דאָס הייסט

38) ראה זבחים פ״ה. תמיד פ״ד מ״א.
39) ראה זבחים פ״א מ״א.
40) מדות פ״ב מ״ו.
41) אבות פ״ה מ״ה.
42) ראה יומא כא, א ופרש״י.

אַז דער מקום הגשמי איז געווען בטל צו אלקות, וואָס דער ביטול פון אַ מציאות גשמי איז אַ העכערע מדריגה ווי דער ביטול פון אַ מציאות רוחני[43]. דער טעם הדבר איז ווייל די התהוות פון אַ מציאות רוחני איז פון אַ גילוי וואָס קומט פון אור אין סוף, און די התהוות פון אַ מציאות גשמי איז פון עצמות אור אין סוף[44], נאָר דורכן חטא אדם הראשון איז די וועלט פאַר גרעבט געוואָרן און עס איז געוואָרן אַ מציאות גשמי ממש, אָבער דער גשמי וועלכער איז געווען אין בית המקדש איז געווען אין אַזאַ מציאות ווי השי״ת האָט אים בעשאַפען, דאָס הייסט אַזוי אַז דער גשמי איז געווען אַ וועלטיקער גשמי נאָר מיט דעם וואָס מען האָט דעם וועלטיקן גראָבן גשמי געבראַכט אין בית המקדש, איז דער גשמי נתברר געוואָרען און האָט זיך אויסגעאיידלט אַז ער איז געוואָרען נאָך העכער ווי דער גשמי איז געווען קודם חטא אדם הראשון, וואָס יעמאָלט איז דאָך דער מציאות הגשמי געווען איידעל ווייל השי״ת האָט אים אַזוי בעשאַפן. אָבער דעם גשמי וואָס מען האָט געבראַכט אין בית המקדש איז ער דאָך געווען אַ גשמי ממש, נאָר דורך דעם וואָס דער מענטש האָט אים געבראַכט אין בית המקדש איז ער געוואָרן איידל, איז די איידלקייט פון דעם גשמי געוואָרן דורך דער עבודה פון דעם מענטשען, וואָס דורך דער עבודה פירט דער מענטש אויס די כוונה וואָס השי״ת האָט געהאַט אין דער וועלט בעשאַפונג דערום איז מציאות יש ווערט העכער במדריגה פון דעם מציאות היש וועלכער איז געווען קודם חטא אדם הראשון, און דערום איז דער מקום פון בית המקדש אַ התחברות פון מקום און בלי מקום, וואָס דערום איז דער ביטול פון דעם יש פון בית המקדש העכער ווי דער ביטול פון שמים ושמי השמים וואָס זיינען רוחנים, און דערום איז אויך דער בנין הגשמי פון בית המקדש אַ כלי צו עצמות אור אין סוף, וואָס די בירורים דורך דער עבודה פון בית המקדש זיינען בירורים בדרך שלום, וואָרום עס זיינען פאַראַן בירורים בדרך מלחמה[45] וואָס דער יצר טוב האַלט מלחמה מיטן יצר הרע, ווי דער זהר זאָגט[46] נהמא אפום חרבא ליכול, ער עסט דעם ברויט אויף זיין שווערד, דאָס הייסט אַז אין יעדער דבר גשמי וואָס דער מענטש טוט אפילו אין די זאַכן אין וועלכע ער איז אַ מוכרח ווי אכילה ושתי׳ און דאָס גלייכן, מוז דער מענטש פירן אַ מלחמה מיטן יצר הרע אַז ער זאָל ווערן נאָר דעם

---

43) ראה ביאוה״ז לאדהאמ״צ בשלח מג, ג ואילך.

44) ראה אגה״ק ס״כ (קל, ב).

45) ראה לקו״ת במדבר ג, ד ואילך. שערי תשובה נה, ג ואילך. ביאוה״ז לאדהאמ״צ ויצא (בהוספות) קלב, ב ואילך. להצ״צ ח״ב ע׳ תרפז ואילך. סה״מ תרנ״ט ע׳ קסב ואילך. סה״מ תש״ד ע׳ 106 ואילך.

46) ח״ג קפח, ב.

תועלת פון דעם דבר גשמי און ניט דעם געשמאַק פון אים. אָבער די בירורים וועלכע זיינען געווען אין דער צייט פון בית המקדש זיינען בירורים בדרך שלום, און דאָס איז פדה בשלום נפשי אַז די בירורים זאָלין זיין בדרך שלום ניט בדרך מלחמה[47], וואָס דאָס קען זיין נאָר ווען עס איז פאַראַן די עבודה אין די דריי זאַכן תורה עבודה און גמילות חסדים. נאָר בכדי דער מענטש זאָל צוקומען צו אַזאַ מדריגה אין עבודה בעדאַרף זיין פריער די עבודה אין די דריי כחות מחשבה דבור און מעשה אויף משעבד זיין זיי צו אלקות, נאָכדעם קומט מען צו צו דער עבודה פון פדי׳ בשלום.

47) ראה שערי תשובה שם (נה, ד ואילך).

**לזכות**

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

**מהרה יגלה אכי"ר**

•

**לז"נ**

הרה"ח הרה"ת ר' **צבי הירש** בן הרה"ח ר' **בן ציון** ע"ה

נלב"ע ז"ך אלול ה'תש"מ

ומרת **רבקה** בת הרה"ח ר' **צבי** ע"ה

נלב"ע כ"ט תמוז ה'תשס"ב

**שפריצער**

נתרם ע"י בניהם – יבלח"ט –

הרה"ת ר' **שמואל** והרה"ת ר' **יעקב מרדכי** שיחיו

**שפריצער**

•

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!